## פרשת תצוה ז' – י"ג אדר תשע"ז לפ"ק

***יום ראשון פרשת תצוה***

לעת ערב, התקבצו קהל רב לשמוע את דבר ה' – **דרשת ז' אדר** - מאת **רבינו שליט"א**. בשלחן המזרח פיארו, הרבנים הגאונים **דייני קהלתינו הק'** שליט"א, הגה"צ **אב"ד שומרי שבת** שליט"א (ב"פ), הרה"ג **רבי פרץ טובי' דייטש שליט"א** אב"ד חליסה (ב"פ), **האדמו"ר מקולבאסוב שליט"א** (וומסב"ג), הגה"צ **רבי יעקב ישכר בער ראזענבוים שליט"א** אב"ד נדבורנא לינסק (וומסב"ג), הרה"ג **רבי אשר אדלער שליט"א** אב"ד סערעדנא (מאנסי), הרה"ג **רבי חיים יוסף פריעדמאן שליט"א** אב"ד ברעזאן (ב"פ), הרה"ג **רבי צבי פריעדמאן שליט"א** אב"ד סעליש (וומסב"ג), הרה"ג **רבי אשר אנשיל אשכנזי שליט"א** אב"ד חוות דעת (סיגעיט), הרה"ג **רבי אליעזר ליפא זילבערמאן שליט"א** מראצפערטא, וראה"כ אונגוואר (וומסב"ג), הרה"ג **רבי צבי געללער שליט"א** דומ"ץ באבוב (וומסב"ג). הרה"ג **רבי יעקב וויעדער שליט"א** אב"ד מאקעווא (וומסב"ג).

אחר תפלת מעריב התעטף **רבינו שליט"א** בטלית, ועלה לפני הארון קודש, ודרש במשך למעלה משני שעות. אחר הדרוש בגדולת משה רעיא מהימנא, הספיד את הרבנים הגאונים שנסתלקו בשנה העבר.

אחר אמירת א-ל מלא רחמים, השמיע **רבינו שליט"א** דברי מוסר והתעוררות בענינים העומדים על הפרק, ומהם בענין: **קיום המצוות בשמחה ובפנימיות הלב • השתמשות בכלים הטכנולגיים בלי גדרים, מאבדים את האדם ומהותו וחינוך ביתו אחריו • חינוך הבנים לאמונה פשוטה, ולהחדיר בלבותם אהבה וחמימות לדרכי התורה.** - אחר הדרשה התקיים מסיבת לחיים, **ורבינו שליט"א** חילק מזונות לכל הקהל.

*

***יום שני פרשת תצוה***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הבר מצוה של בן הר"ר **יוסף לינק** הי"ו, שהתקיים באולם שיקס מענאר.

אחר כך הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת **הרה"ג רבי יעקב אלחנן גאלד זצ"ל** אב"ד אוישוואר. בין המנחמים היה **הגה"צ האדמו"ר מראפשיץ שליט"א.**

***וזה תוכן השיחה:***

**נסוב השיחה על עניני נישואין**

**האדמו"ר מראפשיץ:** אינדערהיים פלעגט צו זיין אז ביים מצוה טאנץ איז דער חתן געזעסן נעבן די כלה.

**רבינו:** דאהי איז אויך אזוי געווען דער מנהג.

**האדמו"ר מראפשיץ:** איך האב געזעהן אין די מנהגים פונעם **קלויזענבורגער רב זצ"ל**, אז ער האט געזאגט, אז ביי זיין חתונה ווען ער איז געווארן א איידעם ביים **עצי חיים** בזיווג ראשון, האט מען אים געהייסען גיין זיצן נעבן די כלה.

**רבינו:** עס קען זיין אז אינדערהיים איז נישט געווען אזא ציבור, די חתונות זענען געווען אין שטוב, און עס איז געווען דארט כמעט נאר משפחה, איז דער חתן געזעסן נעבן די כלה, אבער היינט איז אלעס אזוי בציבור.

**א' מהנוכחים:** ביים **עצי חיים** איז מסתבר אז די חתונה איז נישט געווען אין שטוב.

**רבינו:** אפילו הכי, עס איז נישט געווען קיין זאלן, מען האט געמאכט א שאטער אינדרויסן, אבער עס איז נישט געווען אזא גרויסע עולם.

**א' מהאבלים:** דער **קלויזענבורגער רב** האט פארציילט, אז נאך די חתונה האט אים דער **עצי חיים** געזאגט, דו האסט געזען דעם עולם, אבער מארגען דארף איך דיר פאר מנין...

**האדמו"ר מראפשיץ:** דער מנהג איז געווען אז ביי א טאכטער האט מען געטאנצט מיט די הענט. ווען דער **ברך משה זצ"ל** האט חתונה געמאכט, האט ער געטאנצט מיט א גארטל, און מיין טאטע זצ"ל האט אים געשיקט פרעגן פארוואס ער איז משנה. האט ער געזאגט, אז עס איז א גרויסער עולם.

**רבינו:** מיין טאטע ז"ל האט געטאנצט מיט די הענט אפילו ביי א אייניקל. אזוי האט ער געזעהן ביים זיידען דער **שאמלויער רב זצ"ל**, אז ער האט געטאנצט מיט די הענט ביי א אייניקל.

**האדמו"ר מראפשיץ:** מען האט ארויסגעגעבן צו די חתונה פון מיין זוהן די ספר **שו"ת מאן אמר,** פארשידענע תשובות פון מיין טאטן (**כ"ק הגה"צ גאב"ד מוזשאי זצ"ל**), איינע פון די תשובות דארט איז, אז על פי הלכה זאל דער חתן נישט איבערגעבן די כתובה פאר די כלה. דער ברודער **רבי חיים לייב שליט"א** (גאב"ד סערדאהעלי) האט מיר געזאגט, ווען ער איז מסדר קידושין זעהט ער אויך אז דער חתן זאל נישט איבערגעבן די כתובה פאר די כלה.
אינדערהיים האט מען מקפיד געווען אז מען זאל נישט חתונה האבן אג"ה לחודש?
**רבינו:** עס איז געווען מנהגים אין דעם. אין בעלזא האט מען מקפיד געווען.
**א' מהנוכחים:** מען האט אויך מקפיד געווען אז דער התחלת הזמן אין ישיבה זאל נישט זיין אין אג"ה לחודש.

*

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל השבע ברכות של נכד **כ"ק האדמו"ר מסאטמאר שליט"א** (בן חתנו הרה"ג רבי אלטר יעקב יצחק גלאנץ שליט"א, עב"ג בת הרה"ג רבי ישראל יוסף לאבין שליט"א, בן הגה"צ אב"ד חרדים זידיטשוב שליט"א) שהתקיימה באולם בית רחל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים הרבנים הגאוה"צ שליט"א, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר השבע ברכות השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **יהושע פנחס שווארץ** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **משה חיים קרויס** הי"ו, שהתקיים באולם אימפירעל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שלישי פרשת תצוה***
אחר התפלה השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **יעקב יוחנן מיטעלמאן** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש ברך משה (סקילמאן). **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות. אחר הברית הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והלך לבקר את נכדו הילד **אברהם דוד כ"ץ** נ"ו.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** למאנסי והשתתף אצל הדינער השנתי לטובת התלמוד תורה דקהלתנו המתנוסס לתפארה בעיר מאנסי, שהתקיימה באולם אטריום, בהשתתפות ציבור נרחב תומכי תורה ואנשי שלומינו, הורי וזקני התלמידים, ובראשם גדולי רבני העיר שליט"א.

את הדינער פתח היו"ר הר"ר **מאיר מרדכי בערקאוויטש** הי"ו, וכיבד את **הרה"ג רבי מנחם פישער שליט"א** דומ"ץ דקהלתנו במאנסי לשאת דברים. אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש.

***וזה תוכן הדברי תורה:***
**איך** וויל באגריסן די אלע וואס זענען געקומען זיך משתתף זיין פאר די החזקה פון די מוסדות אין מאנסי. דער זכות וואס מען טוט פאר תינוקות של בית רבן איז זייער גרויס, און דער באשעפער באצאלט דאס נאכדעם ביי די אייגענע קינדער.

**מען** שטייט א פאר טעג פאר פורים, מען ווייסט אז אויסער די נס וואס האט פאסירט אין פורים, וואס וועגן דעם האט מען קובע געווען משתה ושמחה, האט פאסירט נאך א זאך אין פורים, וואס קוקט אויס אזוי ווי א זייטיגע זאך, אבער דאס איז דער שורש פון כלל ישראל. די גמרא (שבת פח.) זאגט, קימו וקבלו (אסתר ט-כז), ווען יודען האבען געזען דעם נס, האבן זיי נאכאמאל מקבל געווען די תורה באהבה, מיט ליבשאפט. מען האט טאקע מקבל געווען די תורה מיט אסאך יארן פריער, אבער עס איז געווען בכפיה, מען האט געצווינגען. דער באשעפער האט כופה געווען ההר כגיגית, אם אתם מקבלים את התורה מוטב, ואם לאו שם תהא קבורתכם (שבת שם). מען האט נישט געוואלט מקבל זיין די תורה, נאר מען האט געצווינגען דערצו. שפעטער ביי פורים האט מען מקבל געווען די תורה פון ליבשאפט, מאהבת הנס.

**און** עס איז א געוואלדיגע פליאה צו פארשטיין, עס איז שוין אדורכגעגאנגען אזויפיל יארן, און מען האט זיך נישט איבערגערעכנט מקבל צו זיין די תורה מאהבה, וואס האט פאסירט אין פורים? עס האט טאקע פאסירט א גרויסער נס, אז מען איז ניצול געווארן פון המן, אבער פארוואס האט פונקט דער אהבת הנס געברענגט, אז מען זאל מקבל זיין די תורה מאהבה? מען דארף נישט האבן א גרעסערע אהבת הנס ווי דאס וואס יודען האבן געהאט ביי קריעת ים סוף און יציאת מצרים, און דעמאלטס האבן זיי נישט געוואלט מקבל זיין די תורה, און נאר ביי די אהבת הנס פון פורים האבן זיי יא מקבל געווען די תורה?! עס מוז דאך זיין עפעס א קשר איינס מיטן אנדערן.

**מען** געפונט אויך ביי המן, ווען ער איז אהיימגעקומען און ער האט געזעהן אז ער האט א ירידה, האט אים זרש געזאגט, אם מזרע היהודים מרדכי אשר החילות לנפול לפניו לא תוכל לו, כי נפל תפול לפניו (אסתר ו-יג), אויב ער שטאמט פון זרע היהודים, דעמאלטס וועסטו אים נישט קענען בייקומען, נאר צום סוף וועסטו פאלן צו אים. זי האט אים געזאגט, אם מזרע היהודים מרדכי, איז עס דען א שאלה צו ער איז מזרע היהודים צו נישט?, ער האט דאך געוואוסט אז מרדכי איז א יוד, און ער ביקט זיך נישט צו א עבודה זרה, ומרדכי לא יכרע ולא ישתחוה וגו', כי הגיד להם אשר הוא יהודי (ג-ב). וואס האט זי אים געזאגט, אם מזרע היהודים מרדכי, דעמאלטס לא תוכל לו.

**עס** קען זיין דער ענין דערפון איז, יודען האבן מקבל געווען די תורה, און עס שטייט אין די תורה (דברים יח-יג) תמים תהיה עם ה' אלקיך, א יוד דארף זיין תמים מיטן אייבערשטען. און ווי רש"י זאגט, התהלך עמו בתמימות, ולא תחקור אחר העתידות, א יוד דארף טון וואס מען האט ארויפגעלייגט אויף אים אז ער דארף צו טון, און נישט חוקר זיין, נישט אריינטראכטען, צו עס איז גוט צו עס איז נישט גוט, צו מען קען טון אנדערש. מיר האבן איין וועג ווי אזוי מיר לעבן, מיט די וועגן פון די תורה, און ווי עס שטייט אין מדרש (דב"ר ד-ה), אז דער באשעפער זאגט, אין אדם שומע לי ומפסיד, עס האט נאך קיינער נישט ארויפגעצאלט אויפן אייבערשטען. עס איז נישט דא איינער וואס האט צוגעהערט צו וואס דער אייבערשטער זאגט, און ער האט שפעטער שאדן געהאט ווייל ער האט געפאלגט די תורה. פון פאלגען די תורה גייט מען קיינמאל נישט ארויס מיט א שאדן.

**מען** געפונט ווען דער אייבערשטער האט געהייסען פאר שאול המלך, אז ער זאל מלחמה האלטן מיט אגג, און אויס'הרג'ענען עמלק. האט שאול אנגעהויבן צו מאכן אייגענע חשבונות, און ער האט געפרעגט, אם אדם חטא בהמה מה חטאה (יומא כב:), אז זיי האבן געזינדיגט, פארוואס דארף מען הרג'ענען די בהמות. אז די ערוואקסענע האבן געזינדיגט, פארוואס דארף מען הרג'ענען די קליינע. וירב בנחל (שמואל א טו-ה), דרש'נט די גמרא (יומא שם) על עסקי נחל, אויב דער אייבערשטער האט געזאגט, אז על נפש אחת מישראל דארף מען ברענגען א עגלה ערופה, איז דאך על כמה נפשות הללו על אחת כמה וכמה.

**דער** אייבערשטער האט אבער אויך געוואוסט די אלע זאכן וואס שאול האט געטראכט, און דער אייבערשטער האט אים דאך געהייסען אז ער זאל ארויסגיין מלחמה האלטן, און נישט קוקען אויף קיין חשבונות. אוודאי האט שאול געהאט הייליגע כוונות, מען רעדט פון שאול המלך, וואס בן שנה שאול במלכו (שמואל א יג-א) כבן שנה בלא חטא (יומא שם), אבער ער האט געהאלטן, אז לויט זיינע חשבונות קומט אויס, אז עס איז בעסער אז מען זאל נישט הרג'ענען גאנץ עמלק, און ער האט עס געטון מיט א כוונה לשם שמים. אבער אפילו הכי, בחמלתו על אגג נולד אויב, זיין חמלה האט צוגעברענגט דערצו, אז שפעטער איז געווען די גזירה פון המן. ווייל מען קען נישט זיין קלוגער פונעם אייבערשטען, און מען קען נישט זיין קלוגער פון די תורה. וויפיל מען זאל אויסרעכענען, קען מען נישט אויסרעכענען דעם דעת פונעם אייבערשטען. אזוי ווי א קינד קען נישט פארשטיין דעם דעת פון אן ערוואקסענעם, עס איז נישט שייך אפילו אלעס מסביר צו זיין פאר א קינד, זיין שכל איז נישט תופס, אזוי אויך קען אונזער שכל נישט תופס זיין דאס גרויסקייט פונעם אייבערשטען, און אונז דארף מיר מקיים זיין אלע

מצות פונעם אייבערשטען בתמימות. און אז שאול המלך האט יא געמאכט חשבונות, און ער האט נישט געהרג'ט עמלק אזוי ווי דער אייבערשטער האט אים געזאגט, איז פון דעם שפעטער ארויסגעקומען א המן, וואס האט געוואלט להשמיד ולהרוג ולאבד את כל היהודים. א יוד דארף וויסען, אז אונז דארף מיר פאלגן וואס דער אייבערשטער זאגט, אן קיין שום חשבונות.

**און** אזוי איז אויך געווען שפעטער אין די צייטן פון אחשורוש, שנהנו מסעודתו של אותו רשע. דער מלך מאכט א מסיבה, און אונז פשוטע מענטשען וואלטן געזאגט, אז אויב דער פרעזידענט וכדומה מאכט א מסיבה, און ער לאדענט איין אז יודען זאלן קומען, איז נישט מענטשליך אז מען זאל עס אפזאגן, און מען זאל נישט גיין, מען דארף פאלגן וואס דער מלך זאגט. - מען איז אין די ערשטע גלות ווען יודען זענען אוועקגעגאנגען פון ארץ ישראל, דאס ערשטע מאל וואס מען דרייט זיך ארום אין א פרעמד פלאץ, אין בבל, און דער מלך האט געבעטן אז מען זאל קומען, איז פאליטיש זייער אויסגעהאלטן אז מען זאל גיין, און דורך דעם וועט מען קענען האבן שפעטער טובות ביים מלך, און מען וועט קענען אויפבויען יודישקייט. אבער מרדכי האט נישט אזוי פארשטאנען, מרדכי האט געזאגט אז מען זאל נישט גיין צו די מאלצייט פון אחשורוש. יודען האבען אבער געהאט זייערע חשבונות, מען פאלגט נישט אלעס וואס מען זאגט. מרדכי איז אפשר נאך פון די צוריקגעבליבענע, אפשר נאך פונעם אלטן דור, ער גייט נאך מיט די אלטע וועגן, היינט אין גלות דארף מען טון אנדערש. און דאס האט צוגעברענגט אז זיי זענען מחוייב געווארן כליה, מפני מה נתחייבו שונאיהון של ישראל באותו זמן כליה, מפני שנהנו מסעודתו של אותו רשע (מגילה יב.).

**מען** זעהט ביי קבלת התורה, אז יודען האבן נישט געוואלט מקבל זיין די תורה, נאר בכפיה. עס שטייט שוין אין הייליגע ספרים, אז יודען זענען געווען גרייט צו טון די דרכי ה', נאר זיי האבן געמאכט א חשבון, זיי האבן געהאלטן, אז אין שכל איז א אינו מצווה ועושה אסאך חשוב'ער, און אויב אזוי פארוואס דארפן מיר נעמען אויף אונז די תורה אלץ א מצווה ועושה, אונז גיי מיר דינען דעם אייבערשטען אנדעם וואס מען זאל אונז מצווה זיין. אבער דער אייבערשטער האט נישט אזוי געוואלט, דער אייבערשטער האט געוואלט אז עס זאל זיין בכפיה, דו מוזט טון, אזוי ווי די הלכה איז, אז גדול המצווה ועושה יותר ממי שאינה מצווה ועושה (קידושין לא.). יודען האבן געהאט חשבונות לטובה, זיי האבן געהאלטן אז עס איז חשובער א עבודה וואס א יוד טוט פון זיך אליין, ווי א עבודה וואס ער איז געצווינגען ער זאל עס טון. האבן זיי נישט געוואלט מקבל זיין די תורה, און מען האט זיי געמוזט צווינגען דערויף.

**שפעטער** ווען זיי האבן געזען די מעשה פון המן, וואס דאס איז ארויסגעקומען ווייל א מענטש איז געגאנגען אויף זיינע אייגענע חשבונות, שאול המלך האט געמאכט אייגענע חשבונות, וועגן דעם איז ארויסגעקומען דער מכשול וואס זיי האבן געהאט, האבן זיי געזען אז אייגענע חשבונות, אפילו תורה'דיגע חשבונות, וירב בנחל, מיט א חשבון אז על פי תורה זאל עס זיין אויסגעהאלטן, אבער מען קען נישט זיין קלוגער פון דעם וואס דער אייבערשטער האט געזאגט! אונז וויל מיר נישט פארשטיין די דרכי ה'! אונז מוז מיר נישט אלעס פארשטיין! אונז טוה מיר וואס די תורה האט אונז געהייסען. און פון דעמאלטס אן קבלוהו באהבה, יודען האבן געזען אז מען קען זיך נישט פארלאזן אויפן אייגענעם דעת, אויפן אייגענעם שכל, אונז טוה מיר אזוי ווי דער אייבערשטער האט געהייסען. האבן יודען מקבל געווען די תורה מיט ליבשאפט.

*

**ווען** מרדכי האט געזען די גרויסע צרה וואס איז דא פון המן, האט ער צוזאמגענומען יודישע קינדער אז מען זאל תשובה טון. די גמרא (מגילה טז.) זאגט, אז ער האט צוזאמגענומען איבער צוואנציג טויזנט קינדער, און ער האט געלערנט מיט זיי הלכות קמיצה, און ער האט מתפלל געווען מיט זיי, ער איז געזעסן מיט זיי דריי טעג, און מען האט געפאסט, און מען האט מעורר געווען רחמים אויבן אין הימל. מרדכי האט געזען אז ער האט

צוטון מיט א ציבור, מיט כלל ישראל, וואס זיי גייען אוועק, זיי פאלגען נישט, זיי טוען נישט די דרכי ה', שנהנו מסעודתו של אותו רשע. האט מרדכי פארשטאנען אז מען דארף אנהייבן מיט די יונגע, מען דארף אנהייבן מיט די קליינע קינדער, מען דארף זיי מחנך זיין פון קליינוויז אן, נישט נכשל צו ווערן אויף די גאס, נישט נכשל צו ווערן נאך די דרכי הגוים. ווען מען וועט אנהייבן מיט די קליינע, וועט מען קענען אויפשטעלן א נייעם דור.

**יעדער** ווייסט אז נאך די קריג, איז געווען דער מצב פון יודישקייט זייער שוואך. און עס איז נישט קיין חידוש, מען האט מיטגעמאכט אזויפיל צרות וכדומה, און עס האבן זיך געהאלטן ממש זייער א קליין הייפעלע יודען וואס זענען נישט פארפאלן געווארן. מען האט זיך געהאלטן נאנט צו די צדיקים, און צו ערליכע יודען, און מען האט ב"ה צוריק אויפגעשטעלט וואס מען האט אויפגעשטעלט. אבער די עבודה האט מען נישט אנגעהויבן מיט די עלטערע, די עלטערע זענען אזוי ווי עס איז, די גאנצע עבודה האט מען אריינגעלייגט אין די יוגענט. מען האט אויפגעשטעלט פרישע תלמוד תורה'ס, פרישע מיידל שולע'ס, א מיידל שולע איז אמאל אינגאנצן נישט געווען אין די סיסטעם ביי אונז, אז מען זאל ברענגען מיידלעך אין א שולע, און מען זאל זיי מחנך זיין. מען האט אנגעהויבן פון די א', פון קליינוויז אן האט מען אנגעהויבן אריינצולייגן אין זיי תורה און יראת שמים. און ב"ה אז מען קוקט וואס עס איז אויסגעוואקסען דערפון, וואס פאר א שיינעם דור אונז לעב מיר היינט, עכ"פ אין חיצוניות, ווי שיין עס איז, ב"ה יודען האלטן תורה, און מען ווערט דבוק צו תורה, וויפיל טויזנטער יודען קומען צו יעדעס יאר צום כלל ישראל. עס האט זיך אלעס אנגעהויבן, ווייל מען האט אנגעהויבן מיט די יוגענט. אז מען לייגט אראפ א גוטן יוגענט, אז מען לערנט תורה מיט די קינדער, און מען לייגט אריין יראת שמים, ערליכקייט, מיט דעם ווערט מען ערצויגען שפעטער, און עס וואקסט אויס א הייליגער דור.

**און** דאס האט מרדכי אויך געטון. מרדכי האט געזעהן אז מען איז נהנו מסעודתו של אותו רשע, האט ער צוזאמגענומען די קליינע קינדער, און ער האט אנגעהויבן אריינצולייגען אין זיי ערליכקייט, תורה און יראת שמים. ער גייט אנהייבן אויפצובויען א פרישען כלל ישראל פון די קליינע קינדער. און דאס איז דער וועג פון הצלחה, וואס מען לייגט אריין אין קליינע קינדער.

**מען לעבט היינט אין זייער א שווערן דור, מען דארף האבן אסאך סייעתא דשמיא אז מען זאל זיך קענען האלטן. פון איין זייט קוקט זייער שיין אויס יודישקייט, אבער פון די אנדערע זייט ווייסט מען, אז עס פאלן אוועק טאג טעגליך, אסאך פון אונזערע קרייזן. אפשר ווייל עס האט געפעלט די געהעריגע חינוך, אריינצולייגען ערליכקייט און יראת ה' אין די יונגע יארן, וועגן דעם זעהט מען אזוי אויס. מען דארף דאנקן דעם אייבערשטען אויף די אלע תלמוד תורה'ס וואס איז דא אין די שטאט און איבעראל, זיי טוען אויפשטעלן דעם קומענדיגען דור, און עס איז א געוואלדיגער זכות וואס מען האט, אז מען איז דאס מחזיק, און מען העלפט צו דערצו, אז די קינדער זאלן האבן ערליכע מלמדים, פיינע מלמדים, און זיי זאלן קענען אויסוואקסען ערליך. דאס איז דער יסוד פון יודישקייט וואס וועט בלייבן ביז משיח וועט קומען.**

**זרש** האט געזאגט צו מרדכי, אם מזרע היהודים מרדכי, אויב מרדכי'ס כח שטאמט פון דעם וואס ער פארשטייט, אז מען דארף צוזאמנעמען די זרע היהודים, די קליינע קינדער, און פון זיי אנהייבן צו בויען תורה, לא תוכל לו, כי נפל תפול לפניו. ווען ער לאזט אפ דעם יונגען דור, און ער הייבט אן מיטן עלטערן דור, נו, דארט וועט ער קיין סאך נישט אויפטון. אבער אויב ער הייבט אן פון די זרע היהודים, ער הייבט אן פון די קליינע קינדער, אריינצולייגן אין זיי תורה און עבודת ה' און יראת ה', דעמאלטס לא תוכל לו, כי נפל תפול לפניו, דעמאלטס ווענסטו פאלן פאר אים.

**מען** האט שוין פריער ארויסגעברענגט בשבחו פון דעם תלמוד תורה ביי אונז, וואס יעדער מלמד וואס איז דא אין די תלמוד תורה, איז א מרגליות טובה. מען האט זיך געוועלט, מען קוקט נישט

אויף קיין שום זאך, נאר צוצושטעלן פאר די קינדער די שענסטע און די בעסטע וואס מען קען. און ב"ה מען זעהט די שיינע פירות וואס קומען ארויס דערפון, עס ווערן נתגדל דארט קינדער זרע ברך ה'. איך וויל באדאנקן פאר די תומכים פון די מוסדות, אלע וואס העלפן צו דערצו, און כל שכן פאר די עסקנים, פאר די יונגעלייט, וואס האבן זיך ארייגעלייגט מיט א אמת'דיגע ערנסטקייט, און טוען בויען דעם תלמוד תורה. און זיי שטעלן זיך נישט אפ, מען האט צוגעשטעלט ב"ה א מיידל שולע וואס מען האט יעצט געעפענט. ב"ה די ישיבה קטנה איז אזוי שיין מצליח. און אלעס איז פארבינדן מיט גרויסע הוצאות, אבער מען שטעלט זיך נישט אפ פאר קיין שום זאך, כדי אז מען זאל קענען מרחיב זיין די גבולי הקדושה.

**מען** שטייט פאר פורים, וואס פורים איז א זמן פון קבלת התורה, וואס מען האט מקבל געווען די תורה מאהבה. אפאר טעג פאר קבלת התורה שטייט אין פסוק (שמות יט-ב) אז עס איז געווען ויחן שם ישראל נגד ההר, כאיש אחד בלב אחד (רש"י שם). **די הקדמה צו קבלת התורה איז, דער איחוד וואס איז געווען ביי יודען. אז יודען האבן זיך נישט געזארגט יעדער פאר זיך אליין, נאר ויחן שם ישראל, מיר זענען כאיש אחד בלב אחד, עס איז נישט קיין חילוק מיין קינד, דיין קינד, יענעמס קינד, מיר זענען איין אומה, איין פאלק, איין גוף אחד, און יעדער איינער דארף טון. וואס מען וואלט געטון פאר א אייגן קינד, דארף מען טון פאר יענעמס קינד אויך, און דעמאלטס ליגט דארט א הצלחה.** ויחן שם ישראל, כאיש אחד בלב אחד, צו קבלת התורה איז מען צוגעגאנגען, מיר זענען א לשון יחיד, מיר זענען אלע איינס.

**ווען** מען האט מקבל געווען די תורה האבן יודען געזאגט קול אחד, כל אשר דבר ה' נעשה ונשמע (שמות כד-ז), עס איז געווען איין קול, נעשה, מיר גייען צוזאמען טון, מען האט נישט געזאגט אעשה ואשמע, איך וועל טון און איך וועל הערן, ווייל א יוד לעבט נישט פאר זיך אליין, א יוד לעבט צוזאמען מיטן חבר, וואס ער קען טון ארויסצוהעלפן פאר יענעם. ווען מען האט מקבל געווען דעם יום טוב פון פורים, האט מען נישט געמאכט א יום טוב אז מען זאל זיך אליין פרייען, נאר מען דארף געבן משלוח מנות און מתנות לאביונים, עס איז נישט גענוג אז דו האסט א משתה ושמחה ביי דיר אינדערהיים, נאר דו דארפסט זעהן וואס דו קענסט ארויסהעלפן אז א צווייטער יוד זאל אויך זיין פרייליך, מען דארף איבערגעבן די פרייליכקייט פאר א אנדערן אויך. דאס איז די הכנה צו קבלת התורה, און דאס איז די הכנה צו פורים, וואס פורים איז א זמן פון קבלת התורה, ויחן שם ישראל, כאיש אחד בלב אחד, ווען מען קומט זיך צוזאם, און מען נעמט זיך צוזאם כדי אויפצושטעלן תורה, דארט ליגט די הצלחה.

**איך** וויל באדאנקען פארן חשוב'ן נייעם אדמיניסטרעטאר רבי יוחנן אליעזר כ"ץ זאל זיין געזונט, מיט אלע זיינע ארומיגע, וואס לייגן אריין א אויסערגעווענליכע ארבעט מיט א איבערגעגעבנקייט, מיטן גאנצן הארץ, עס איז נישט דא קיין טאג און קיין נאכט. ער פראבירט אדורכצושמועסן אלע פראבלעמען וואס קומען ארויף, כדי מען זאל קענען פירן די מוסדות ווי עס דארף צו זיין. זאל דער אייבערשטער געבן, אז זיי זאלן ווייטער קענען טון להגדיל תורה ולהאדירה, זיי זאלן האבן אסאך הצלחה במעשה ידיהם.

**משנכנס** אדר מרבים בשמחה, מען גייט אריין אין טעג וואס מען איז בשמחה, זאל דער אייבערשטער געבן, אז עס זאל זיין שמחות און נחת ביי אונז אלע, מיר זאלן קענען מרבה זיין בשמחה, און נישט אז עס זאל זיין א פשוטע שמחה וואס עס איז דא א גאנץ יאר, נאר דער באשעפער זאל צוגעבן אז עס זאל זיין א ריבוי שמחה ביי יעדן איינעם. און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר הדינער חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל הבר מצוה של הבחור **יוסף יהודא** נ"ו בן הר"ר **אהרן ווייסבערג** הי"ו שהתקיים באולם קראסנא.

*

***__יום רביעי פרשת תצוה__***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבן הר"ר **אהרן ווייסבערג** הי"ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבת לחיים לכבוד האירוסין של הר"ר **אלעזר יואל גאלדבערגער** הי"ו (ק"י), עב"ג בת הר"ר **צבי מאיר פריעדמאן** הי"ו (וומסב"ג).

*

***__יום חמישי פרשת תצוה – תענית אסתר (מוקדם)__***

בשעות הלילה התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **דוד דייטש** הי"ו.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החתונה של בת הר"ר **אברהם שלום בראך** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **שמואל יהודא לעווינגער** הי"ו, שהתקיים באולם בית שרה.

*

***__שבת קודש פרשת תצוה – שבת זכור__***

אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **שלמה יעקב ווערצבערגער** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית התקיים קידושא רבא לכבוד השמחה.

בסעודה שלישית דיבר **רבינו שליט"א** על קדושת יום הפורים ומצוות קריאת המגילה. אחר תפלת מעריב קרא **רבינו שליט"א** את המגילה בקול חוצב ובהתעוררות רב.

בשעות הלילה השתתף **רבינו שליט"א** אצל הלויה של הר"ר **ישעי' פאללאק** ע"ה, שהתקיים לפני בית מדרשנו.

# פרשת כי תשא י"ד – כ' אדר תשע"ז לפ"ק

***יום ראשון פרשת כי תשא - פורים***

אחר קריאת התורה התקיים הברית של בן הר"ר **יואל משה בינער** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

אחר תפלת שחרית וקריאת המגילה כאשר הגיע **רבינו שליט"א** לביתו נאוה, קיים מצות משלוח מנות לרבני ואדמור"י העיר וקרובי המשפחה. אחר כך נטל ידיו לסעודה, וקיבל המוני אנ"ש במשך שעות היום במשלוח מנות, ולהפקד בדבר ישועה ורחמים.

בשעות הערב נטל **רבינו שליט"א** ידיו לסעודת פורים השנית בביתו נאוה קודש (והפסיק לתפלת מעריב אחר אכילת הדגים), והשתיה כדת של תורה, כשכל כולו חטיבה אחת של התעוררות ודביקות עילאה, בעת ששרים ניגוני כיסופים - ניגוני חב"ד עתיקים - המעוררים לב ונפש בצמאון להשי"ת. **רבינו שליט"א** דיבר בשבח הניגונים שנתחברו על ידי חסידים נודעים אנשי מעשה, אשר רישומם ניכר, ומעוררים את הנשמה, ולעומת זה הניגונים שמתחברים כהיום, אשר טעמם וריחם פג אחר זמן קצר.

בתוך השיחים דיבר **רבינו שליט"א** בערגה על עבודת הצדיקים מדור הקדום, אשר היתה כולו קודש לה', וכל המסתופפים בצלם הרגישו התרוממות ותענוג רוחני אשר בל יתואר. - בסוף הסעודה האציל **רבינו שליט"א** מברכותיו על ראש צאצאיו ובני המשפחה שיחיו.

לערך בשעה עשר עבר **רבינו שליט"א** לבית מדרשנו לעריכת שלחנו הטהור לכבוד היום. איה השוקל ואיה הסופר לתאר אף על קצה המזלג גודל התרוממות הנפש והתעוררות הגדולה ששרתה קרוב לחמש שעות, בעת אשר כטוב לב המלך ביין, השפיע עלינו שמחה וחדוה עילאה ממעון הברכות, והשמיע משיחותיו הקדושות המלאים זיו ומפיקים נוגה, בביאורים מאירת עינים בפסוקי המגילה, שיחות קודש ודברי חיזוק באמונה ובטחון ואהבת השי"ת, אשר כל מעשי האדם מושגח מאת ה', ובורא רפואה קודם למכה להטיב לבריותיו, דברי הדרכה בחינוך הבנים והנהגת הבית בשלות הנפש, ולסגל מצוות ומעשים טובים להתקין עצמו בפרוזדור להכנס לטרקלין ועוד ועוד, אשרי עין ראתה כל אלה.

בעת אכילת הדגים ישב **רבינו שליט"א** בעינים סגורות בדביקות עצומה, ואחר כך פתח את אמריו בסיפור קודש שפעם אחת היה **הגה"ק מגאלאנטא זצ"ל** על שבת קודש בשינאווא, ובליל שבת קודש אכל **הרה"ק משינאווא זי"ע** העין מן הדג, והרהר אז **הגה"ק מגאלאנטא** בדעתו שהטעם שהתחיל **הרה"ק משינאווא** לאכול מעין הדג, כי הדג אין לו עפעפים ועיניו פתוחות תמיד, לרמז שהקב"ה עיניו פתוחות להשגיח על ישראל. ומיד שהרהר כן ענה **הרה"ק משינאווא זי"ע**, 'דער יונגערמאן טראכט גוט'.

וסיים **רבינו שליט"א:** איך וואונטש אן פאר אלע יודען וואס עסן פון דעם פיש, אז עס זאל זיין אויף זיי א עינא פקיחא פונעם רבונו של עולם. דער אייבערשטער זאל זיך אומקוקען אויף אויף אלע זייערע צרכים וואס זיי דארפן צו האבן א גאנץ יאר. דער באשעפער זאל זיי מזמין זיין, אז זיי זאלן האבן אלעס וואס זיי דארפן צו האבן, וכל טוב סלה.

בין השיחות ניתן ריוח להתבונן בשמחת היום, כששרים ומזמרים ניגוני שמחה וששון, וכל קהל הקודש רוגשים ורוקדים בעוז ותעצומות בחדוה עילאה, **ורבינו שליט"א** יושב בדביקות עילאה ובשמחה עצומה. בין הפרקים נשמעו דברי בדחנות מהרה"ח רבי **שרגא בלומענבערג** הי"ו, ובנועם אמרותיו ובחרוזים מיוחדים חזר על הדברות קודש שאך זכינו לשמוע **מרבינו שליט"א**.

מה מאוד גברו הריקודין והשמחה עת שעלה **רבינו שליט"א** על השולחן אשר לפני ה', ומפזז ומכרכר בכל עוז בשבח והודיה להשי"ת, בניגוני הטוב כי לא כלו רחמיך וכו', גיט אריין א נחמה'לע וכו', נאר אמונה וכו', וטהר לבנו וכו'. – אחר כך נשמעו דברי בדחנות ע"י הר"ר **אלי' שווייצער** הי"ו, והטיבו נגן בכינור בניגוני התעוררות עתיקים מעוררי לב ונפש, ואחר כך בניגוני שמחה וחדוה לכבוד היום.

**רבינו שליט"א** בירך על הכוס, ואחר כך עברו כל הקהל לקבל כוס של ברכה, **ורבינו שליט"א** יצא מבית המדרש בקול שירה וזמרה, ימים על ימי מלך תוסיף וכו'.

*

***יום שלישי פרשת כי תשא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך.

אחר השיעור חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והלך לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **ישעי' פאללאק** ע"ה.

***וזה תוכן השיחה:***

**אחיו הרה"ג ר' שלום שליט"א דומ"ץ בק"ק סקווירא:** ער איז אוועק די זעלבע טאג וואס ער איז געבוירן.

**רבינו:** הקב"ה ממלא שנותיהם מיום ליום (ר"ה יא.).

**הגר"ש:** ער איז געווען א זעלטענער בעל מדות.

**רבינו:** אויסערגעווענליך. ער האט געקענט אסאך שלינגען. ער האט אלעס מקבל געווען מיט א רואיגקייט. עס איז א גרויסער הפסד פאר די קהלה. ער האט באשיינט די קהלה. ער האט אסאך געטון דערפאר. אסאך פון זיינע כוחות ליגן דארט. דער אייבערשטער האט עס אים באצאלט, אז ער האט ב"ה א גוטע שטוב, איינס ביי איינס. איך טראכט אסאך מאל, מען זאגט יעדן שבת א מי שברך פאר די עוסקים בצרכי ציבור באמונה. עס איז נישט דא נאך אזא מי שברך אין די וועלט, אז יעדע קהלה, ווי עס קומט זיך צוזאם א מנין אויף די וועלט, זאל מען מאכן א מי שברך פאר די מענטשען. דאס איז טייטש, אז מיליאנען אמן'ס קומען צו יעדע וואך, פאר די אלע וואס מען רעכנט דארט אויס, און אז די וואס זענען עוסק בצרכי ציבור, הקב"ה ישלם שכרם, וישלח ברכה והצלחה בכל מעשה ידיהם. די גמרא (שבת לב:), דרשנ'ט, אז מעשה ידיו של אדם, אלו בניו ובנותיו של אדם. אין די ברכה פון וישלח ברכה והצלחה בכל מעשה ידיהם, ליגט א ברכה אויף קינדער. די וואס זענען עוסקים בצרכי ציבור באמונה, באצאלט זיי דער אייבערשטער מיט גוטע קינדער. - איך מיין אז ער האט מיר געזאגט אמאל, אז דער פריערדיגער רב האט אים אנגעוואנטשען גוטע קינדער.

**בנו הר"ר שלמה זלמן:** ווען מיר זענען געווען קליינע קינדער, האבן מיר געלערנט אין פאפא חדר, און דער פריערדיגער רב האט אים געבעטן אז ער זאל אריינלייגען די קינדער אין וויען, און דער טאטע האט נישט געוואלט, און דעמאלטס האט ער אים אנגעוואונטשען. דער רב ז"ל האט אים געזאגט, מיינע טשעק"ס קומען נישט צוריק...

**א' מהמנחמים:** דער **קלויזענבורגער רב** פלעגט צו זאגן פאר זיינע עסקנים, מיט געלט קען איך ענק נישט באצאלען, אבער איך זאג ענק צו גוטע קינדער.

**רבינו:** איך האב געהערט, אז דער **קאשוי'ער רב זצ"ל** האט אמאל געזאגט פאר א עסקן, מיט געלט וויל איך דיר נישט באצאלען, ווייל איך ווייס נישט וואס דו וועסט טון מיטן געלט, אבער גוטע קינדער וועסטו האבן.

**א' מהמנחמים:** אין **תולדות ערוגת הבשם** (ח"א דף תד) שטייט, אז רבי משה טעטש'ער האט אמאל געבעטן א ברכה פונם **ערוגת הבשם** אויף גוטע קינדער, האט אים דער **ערוגת הבשם** געזאגט, אויף גוטע קינדער דארף מען מתפלל זיין, און פארגיסן טייכן טרערן אזוי ווי וואסער, אזוי האט מען גוטע קינדער.

דער נפטר איז א אייניקל פון **הגה"צ רבי יצחק אייזיק פריעדמאן זצ"ל** (אבדק"ק נירעדהאז), וואס איז געווען א שוואגער מיט **רבי הירצקא'לע ראצפערטער זצ"ל. רבי הירצקא'לע** האט געהאט א ברודער, רבי משה, און זיי האבן געוואוינט אין א דארף, און וואס האט מען שוין געזען אין א דארף, און זייער מאמע האט יעדן טאג אנגעטון פאר די קינדער טאשטיכ'לעך אויף די אויגן, און אזוי האט זי געגומען די צוויי קינדער אין חדר, און זי האט געזינגען א ניגון מיט די ווערטער, 'לערנען דארף מען די הייליגע תורה, און דינען דארף מען דעם הייליגן בורא'. און דער **צאנזער רב** האט געהערט, אז א מאמע גייט אזוי מיט די קינדער אין חדר, האט ער געזאגט, אז עס איז נישט קיין פלא אז מען וואקסט אויס א **רבי הירצקא'לע.**

איך האט געהערט פונעם אלטן **טענקא'ער רב**, אז רבי יצחק אייזיק איז געווען א תלמיד פונעם הייליגן **חתם סופר זי"ע**, און ער איז אדורכגעפארן דעם דארף פויטש, און ער איז אריינגעגאנגען אין בית המדרש, און ער האט געטראפן צוויי קינדער זיצן און לערנען **(הרה"ק רבי נפתלי הירצקא מראצפערט זי"ע, ואחיו הגה"ק רבי משה זצ"ל)**. געווענליך ווען א מענטש קומט אריין אין בית המדרש הייבט מען אויף די אויגן צו קוקן ווער עס איז. און ער האט אין אכט גענומען, אז זיי הייבן נישט אויף די אויגן, נאר זיי לערנען ווייטער. און אזוי האט רבי

הערצקא מיט זיין ברודער געלערנט אפאר שעה. און נאך אפאר שעה האבן זיי אויפגעהויבן די אויגן און זיי האבן געזען אז עס איז דא א פרעמדער בחור, זענען זיי צוגעגאנגען און זיי האבן געגעבן שלום עליכם, האט ער זיי גלייך געפרעגט, צו זיי האבן אפשר א שוועסטער. האבן זיי געזאגט, יא. איז ער אהיימגעגאנגען צו זייער טאטן, און ער האט געזאגט, אז ער איז א תלמיד פונעם הייליגן **חתם סופר**, און ער האט געוויזען א בריוו, און ער האט געזאגט, איך וויל ווערן א חתן ביי אייך. ווען ער האט געהערט אז ער איז א תלמיד פונעם הייליגן **חתם סופר**, האט ער געזאגט גלייך, יא, יא. און רבי יצחק אייזיק האט אהיימגעשריבן פאר זיין טאטן אז ער איז געווארן א חתן אין א דארף פויטש. רבי יצחק אייזיק איז צוריקגעפארן קיין פרעשבורג צום הייליגן **חתם סופר**, און זיין טאטע איז אים נאכגעקומען, ווען ער איז אריינגעקומען האט זיין טאטע דערציילט די מעשה פארן הייליגן **חתם סופר**, און ער האט געזאגט, אזא חשובער בחור, ער האט זיך אליין משדך געווען, די גמרא (ב"ב קי.) זאגט דאך יבדוק באחיה, און ער האט נישט געדארפט האבן א גרעסערע ראיה פון דעם. האט דער הייליגער **חתם סופר** געזאגט, מזל טוב, מזל טוב.

**רבינו:** איך בין מסופק אין די הלכה פון יבדוק באחיה. אמאל איז דער יבדוק באחיה געווען, ווייל מען האט געוואוינט אין קליינע מקומות, מען איז געווען זייער אפגעזונדערט, עס איז געווען געטא'ס וכדומה, און דעם גאנצען חינוך האט מען באקומען נאר ביי די עלטערן, די גאס האט געהאט ווייניג השפעה אויף א יוד, און אז די ברודער'ס זענען נישט געווען ווי עס דארף צו זיין, איז א סימן אז עס האט געפעלט עפעס אין די חינוך פונעם שטוב. אבער היינט איז געווארן אזא וועלט וואס מען איז אזוי אפען צו די גאנצע גוי'שע וועלט, אז עס קען זיין די בעסטע עלטערן, און מען קען געבן פאר די קינדער די בעסטע חינוך, און א קינד ווערט פארפאלן. דער ענין פון יבדוק באחיה איז היינט נישט קיין סימן אויף די שטוב.

***<u>יום רביעי פרשת כי תשא</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך.

אחר השיעור נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והלך לניחום אבלים אצל **הגה"צ אב"ד מאטעסדארף שליט"א** שישב שבעה על פטירת אחותו ע"ה (אלמנת הרה"ג רבי משה קאהן זצ"ל, ר"מ בישיבת חתן סופר), ואצל הר"ר **אשר פישער** הי"ו שישב שבעה על פטירת אמו ע"ה (אלמנת הר"ר משה דוד פישער ע"ה).

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בן ש"ב **הרה"ג רבי עוזר פריעד שליט"א** (חתן הגה"צ מתולדות אהרן שליט"א) עב"ג בת ש"ב **הרה"ג רבי חנני' מאיר פאללאק שליט"א** (בן הגה"צ אב"ד וואדקערט שליט"א), שהתקיים באולם רויאל מענאר.

*

***<u>יום חמישי פרשת כי תשא</u>***

אחר התפלה השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **יוסף שאול פריעדמאן** הי"ו (חתן הר"ר דוד קאהאן הי"ו), שהתקיים בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** נתכבד בסנדקאות. אחר הברית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **דוד שטרייכער** הי"ו.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר השיעור השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בן הר"ר **אפרים יוסף ווייטריאל** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **משה דוד קיש** הי"ו, שהתקיים באולם בעלזא.

*

***<u>שבת קודש פרשת כי תשא</u>***

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הר"ר **געציל פאלקאוויטש** הי"ו. אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחה.

# פרשת ויקהל פקודי כ"א– כ"ז אדר תשע"ז לפ"ק

***יום ראשון פרשת ויקהל פקודי***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין להבחור **אברהם משה** נ"ו בן הר"ר **הערש אלימלך גרינפעלד** הי"ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **אהרן ווייסבערג** הי"ו.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' פסח סימן תע"ב סעיף א') בבית מדרשנו. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** פאריגע וואך אין די פרשה שטייט די מעשה פונעם חטא העגל, און אז משה רבינו איז ארויפגעגאנגען אין הימל, און ער האט גענזאגט פארן באשעפער, אנא חטא העם הזה חטאה גדולה, זיי האבן געזינדיגט א גרויסן חטא, זיי האבן געמאכט אלהי זהב (שמות לב-לא). די מפרשים שטעלן זיך, ווען איינער קומט איבערבעטן יענעם, זאגט מען נישט אז דער מענטש האט געטון א גרויסע עבירה, מען זוכט צו פארקלענערן דעם חטא. ער האט טאקע געזינדיגט, אבער מען דארף וויסען די אומשטענדן וואס איז געווען, און פארוואס זיי האבן עס געטון, זיי האבן געמאכט א טעות. אבער עס איז נישט דער סדר אז מען זאל זאגן אנא חטא העם הזה חטאה גדולה, און נאכדעם בעהט מען ועתה אם תשא חטאתם, אז מען זאל מוחל זיין דעם חטא.

**מען** געפונט אויך, אז משה רבינו האט פארגעהאלטן פאר אהרן, מה עשה לך העם הזה, וואס האט דיר געטון דאס פאלק, כי הבאת עליו חטאה גדולה, אז דו האסט געברענגט אזא גרויסע חטא. ויאמר אהרן אל יחר אף אדוני, זיי נישט ברוגז, אתה ידעת את העם כי ברע היא, דו קענסט דאס פאלק כי ברע היא (שם לב-כא). די קשיא פון משה רבינו איז א גוטע קשיא, און עס איז נאכנישט פונקטליך מבואר, וואס אהרן האט געענטפערט אויף דעם, אתה ידעת את העם כי ברע הוא. וואס איז די טייטש אתה ידעת את העם כי ברע הוא, אויף דעם האט מען דאך מקבל געווען די תורה, אז מען זאל פאלגן וואס דער אייבערשטער זאגט. פארוואס האט ער גענזאגט אל יחר אף אדוני, פארוואס טאר מען זיך נישט בייזערן אויף דעם וואס ער האט געמאכט א עגל.

**עס** שטייט אין די גמרא (עבודה זרה ד:), רבי יהושע בן לוי האט גענזאגט, לא עשו ישראל את העגל אלא כדי ליתן פתחון פה לבעלי תשובה, שנאמר (דברים ה-כו) מי יתן והיה לבבם זה להם ליראה אותי כל הימים. דער אייבערשטער האט גענזאגט, מי יתן והיה לבבם זה להם, הלואי זאלן זיי האבן די הארץ וואס זיי האבן יעצט, ליראה אותי, זיי זאלן מורא האבן פון מיר, כל הימים. זעהט מען דאך פון דעם, אז יודען זענען געווען אין א הויכע מדריגה, אז דער אייבערשטער האט גענזאגט, הלואי זאלן זיי האבן אזא הארץ שטענדיג. זיי זענען געווען תקיפים ושליטים ביצרם, זיי האבן געהאט א כח אז זיי זאלן קענען שולט זיין אויף זייער יצר הרע, און אויב אזוי, פארוואס האבן זיי דעמאלטס געמאכט דעם עגל. זאגט די גמרא, זיי האבן עס נאר געטון ווייל דער אייבערשטער האט זיי צוגעשטופט אז זיי זאלן טון די עבירה, ער האט אריינגעגעבן א כח פאר דעם יצר הרע, אז ער זאל זיך קענען מתגבר זיין אויף מער וויפיל די כוחות פון א מענטש איז, כדי צו ווייזען אז אפילו מען זינדיגט, פון דעסטוועגן דאך קען מען תשובה טון.

**אויף** דוד המלך זאגט אויך די גמרא דאס זעלבע, לא היה דוד ראוי לאותה מעשה, אלא כדי להורות תשובה (ע"ז ד:). דוד המלך איז געווען לבי חלל בקרבי (תהלים קט-כב), ער האט געשחטן זיין יצר הרע, ער האט נישט געהאט קיין יצר הרע (בבא בתרא יז.), ווי אזוי קען זיין אז ער האט געזינדיגט מיטן חטא פון בת שבע. נאר כדי להורות תשובה, כדי צו לערנען אז מען קען תשובה טון. זאגט די גמרא, פארוואס דארף מען צוויי לימודים, מען

האט דאך שוין א לימוד פונעם עגל. זאגט די גמרא, אז דער לימוד פונעם עגל וואלט איך נאר געהאט אויף א ציבור. אז אויב א ציבור האט געזינדיגט, האבן זיי א כח פון תשובה, אבער ביי א יחיד אפשר נוצט נישט קיין תשובה. האט דער אייבערשטער געוויזען אז ביי א יחיד נוצט אויך תשובה. נו, אז מען האט שוין א לימוד אז פאר א יחיד נוצט תשובה, דארף מען דאך שוין נישט האבן דעם לימוד פון חטא העגל. זאגט די גמרא, אז עס איז דא א סברא פארקערט אויך, אפשר א יחיד איז נישט דא אזא חילול ה' אז ער זינדיגט, וועגן דעם נוצט תשובה, אבער א רבים איז א חילול ה', דארף איך האבן א לימוד אז סיי א יחיד און סיי א רבים, ווער עס טוט א עבירה, קענען אלע תשובה טון פארן אייבערשטען. קומט אויס, אז דער גאנצער חטא העגל וואס יודען האבן געטון, האט דער אייבערשטער צוגעפירט כדי צו ווייזען תשובה.

**משה** רבינו האט געפרעגט אהרן הכהן, ווי אזוי קען זיין אז יודען האבען געזינדיגט, מה עשה לך העם הזה אז דו האסט געברענגט אזא חטאה גדולה. האט אויף דעם אהרן געענטפערט, אל יחר אף אדוני, דו דארפסט נישט ברוגז זיין אויף זיי, נישט זיי האבן עס געטון, זיי זענען אסאך העכער פון דעם. דער אייבערשטער האט מעיד געווען אויף זיי, מי יתן והיה לבבם זה להם ליראה אותי, נאר וואס דען, עתה ידעת את העם כי ברע הוא, יודען האבען א געפערליכע יצר הרע. די גמרא (סוכה נב.) זאגט, אז דער יצר הרע לאזט איבער אלע אומות העולם, און ער איז זיך מתגבר נאר אויף יודען. און אז יודען זענען ברע הוא, זיי האבן אין זיך אזא יצר הרע, וועט דאך אויסקומען אז אין משך פון די יארן וועלן זיי זינדיגן, און אז מען וועט זינדיגן וועט דאך זיין פארפאלן, האט דער אייבערשטער אזוי צוגעפירט אז מען זאל מאכן דעם עגל, כדי צו ווייזען אז עס נוצט תשובה. און אז עס איז נישט זיי, עס איז נאר להורות תשובה, איז ממילא דארפסטו נישט זיין ברוגז אויף זיי. אל יחר אף אדוני, דו דארפט נישט זיין ברוגז אויף וואס זיי האבן געטון, נישט זיי האבן עס געטון, עס איז א גוטע זאך וואס דער אייבערשטער האט צוגעברענגט, כדי צו ווייזען אז מען קען תשובה טון.

**וועגן** דעם ווען משה רבינו האט גערעדט צום אייבערשטען, האט ער געזאגט פארן אייבערשטען, אנא חטא העם הזה חטאה גדולה, עס איז זייער גרויס די עבירה וואס מען האט געטון. ווייל די גאנצע סיבה פארוואס יודען האבן געזינדיגט איז דאך נאר כדי להורות תשובה, און ווי גרעסער ער וועט מאכן דעם חטא, איז דאך טייטש אז עס נוצט א כח פון תשובה אויף א גרויסן חטא אויך. אז מען וועט זאגן אז די עבירה איז א קליינע עבירה, און דער אייבערשטער האט עס מוחל געווען, איז דער טייטש אז נאר אויף קליינע עבירות איז דער אייבערשטער מוחל. אנא חטא העם הזה חטאה גדולה, זיי האבן געזינדיגט א גרויסן חטא, און אז דער אייבערשטער וועט עס מוחל זיין, פון דעם וועט מען זיך קענען אראפלערנען תשובה.

**מען** געפונט ביי שלמה המלך, אז עס שטייט אין פסוק (מלכים א ה-יב), וידבר שלשת אלפים משל, ער האט געזאגט אויף יעדע זאך אין תורה דריי טויזנט משלים. עס קען זיין אז דער פשט דערפון איז, אין די פרשה פונעם חטא העגל שטייט, אז עס איז געפאלען ביים חטא העגל כשלשת אלפי איש (לב-כח), דריי טויזנט מענטשען האבן געזינדיגט. דער אייבערשטער האט טאקע געזאגט, ויחר אפי בהם ואכלם, איך וויל מכלה זיין גאנץ כלל ישראל, ווייל יעדער האט געהאט א חלק דערין, ווייל מען האט נישט מוחה געווען, אבער די עצם חטא איז געווען נאר פון דריי טויזנט מענטשן.

**וידבר** שלמה, שלמה האט אלץ גערעדט, שלשת אלפים, די מעשה פונעם חטא העגל, ווי עס זענען געפאלען דריי טויזנט מענטשן, משל, דאס איז א משל פאר אונז. דער אייבערשטער האט געוויזען דעם משל, אז אונז זאל מיר זיך אראפלערנען פון דעם, אז אפילו עס איז דא א ציבור וואס זינדיגט, שלשת אלפים מענטשען האבן געזינדיגט, פון דעסטוועגן דאך האבן זיי געקענט תשובה טון, און דער אייבערשטער האט נישט מכלה געווען כלל ישראל. דאס איז א פתחון פה פאר די בעלי תשובה, אז אפילו ווען א מענטש טוט די הארבסטע עבירה, אפילו א ציבור וואו עס איז דא

א חילול ה', פון דעסטוועגן דאך נוצט תשובה, און מען קען זיך צוריק קערן צום אייבערשטען.

*

אחר השיעור חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל הבר מצוה של הבחור **יחזקאל** נ"ו, בן הר"ר **משה יוסף האפפמאנן** הי"ו, שהתקיים באולם דיקאריעם, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה די מצוה פון נדבות המשכן. דער אייבערשטער האט געהייסען, אז פון יעדן מענטש אשר ידבנו לבו, זאל מען נעמען א תרומה. די ציווי פון אייבערשטער צו משה איז געווען אין פרשת תרומה, און די ציווי פון משה צו יודען איז געווען אין די פרשה.

**דער** באשעפער האט אויסגערעכנט פופצן מינים וואס מען דארף האבן צום משכן, זהב, כסף, ונחושת, ותכלת, וארגמן, און אזוי ווייטער, און ער האט געענדיגט אבני שוהם ואבני מילואים לאפוד ולחושן (שמות לה-ט). דער **אור החיים הק'** (שמות כה-) שטעלט זיך, אז געוועגליך הייבט מען אן מיט די חשוב'סטע, און מען גייט אלץ קלענער און קלענער. זהב איז די חשוב'סטע, און אז מען האט נישט קיין זהב, זאל מען ברענגען כסף, און אז מען האט נישט כסף, ברענגט מען נחושת. אבני שוהם מיט אבני מילואים איז געווען אסאך טייערער פון גאלד, וואלט מען לויטן סדר געדארפט קודם אויסרעכענען די אבני שוהם מיט די אבני מילואים, און נאכדעם זהב וכסף ונחושת. פארוואס האט די תורה געשטעלט די אבני שוהם מיט די אבני מילואים דאס לעצטע?

**דער אור החיים הק'** ענטפערט, דריי תירוצים דערויף, אבער צוויי איז נוגע ווען איינער קומט אריין לעול המצות. איינס זאגט דער **אור החיים הק'**, אז די אבני שוהם מיט די אבני מילואים האבן געברענגט די נשיאים, און די נשיאים האבן זיך נישט נזדרז געווען צו ברענגען זייער נדבת המשכן תיכף, זיי האבן געזאגט, זאלן יודען ברענגען וואס זיי האבן צו ברענגען, און וואס עס וועט אויספעלן וועלן מיר שפעטער משלים זיין. ווען זיי האבן געזען אז יודען האבן געברענגט אלעס, און עס איז נאר געבליבן די אבני שוהם מיט די אבני מילואים וואס איז נישט געווען צו באקומען, האבן זיי געברענגט די אבני שוהם. און וועגען דעם, ווען עס איז געקומען צו די חנוכת המשכן, זענען די נשיאים געווען די ערשטע וואס האבן געברענגט קרבנות לחנוכת המזבח, ווייל זיי האבן געוואלט משלים זיין, דאס וואס זיי האבן פארפעלט דאס ערשטע מאל.

**זאגט** דער **אור החיים הק'**, א יוד וואס קען טון א מצוה, דארף טון די מצוה תיכף. אפילו ער ברענגט שפעטער אבני שוהם און אבני מילואים, האט עס די קלענסטע חשיבות ביים אייבערשטען. וועגן דעם איז אלעס אויסגערעכנט פאר די אבני שוהם און די אבני מילואים, ווייל **אפילו דו ברענגסט נאר תכלת מיט ארגמן, און תולעת שני, דו ברענגסט אפאר פעדעמער, אבער דו האסט זיך מזרז געווען, דו האסט געהערט אז עס איז דא א אקציע צו טון פאר א דבר מצוה, ביסטו געלאפן און געברענגט פון שטוב וואס דו האסט געהאט, איז עס ביים אייבערשטען חשוב'ער מער פון א מענטש וואס ברענגט אבני שוהם מיט אבני מילואים, אבער ער האט צייט עס צו ברענגען, אפילו מיט א גוטע חשבון, אבער סוף כל סוף האסטו זיך נישט מזדרז געווען צו א דבר מצוה, האט עס געהאט די קלענסטע חשיבות פון די נדבות המשכן.**

**צווייטענס**, זאגט דער **אור החיים הק'**, די נשיאים האבן נישט געהאט די אבני שוהם און די אבני מילואים, עס שטייט אין די גמרא (יומא עה.) והנשאם הביאו (לה-כז), נשיאים גייט ארויף אויף די עננים, וואלקענעס ווערן אנגערופן נשיאים, מעלה נשאים (תהלים קלה-ז), דער אייבערשטער ברענגט וואלקענעס. יודען זענען געווען אין א מדבר וואו עס איז נישט געווען צו באקומען אבני שוהם, און בשעת עס איז געפאלען דער מן, האט דער אייבערשטער מיטגעשיקט אבני שוהם און אבני מילואים, כדי מען זאל קענען האבן וואס צו ברענגען צום נדבת המשכן.

**דער חיד"א** טייטשט, ויקחו לי תרומה, דער אייבערשטער האט געזאגט, פון מיר וועט מען אויך נעמען א תרומה, איך וועל אויך געבן. די אבני

שוהם מיט די אבני מילואים האט מען נישט געהאט צו געבן אין מדבר, נאר וואס דער אייבערשטער האט עס ממציא געווען. אזוי ווי יודען האבן אלעס געברענגט, און די נשיאים האבן נישט געהאט וואס צו ברענגען, האט דער באשעפער צוגעברענגט די אבני שוהם און די אבני מילואים ביי די מן פון די נשיאים, כדי זיי זאלן האבן וואס צו ברענגען צו די נדבות המשכן.

**א** זאך וואס א מענטש גיט נישט אוועק פון אייגענס, ער גיט עס אוועק פון די כוחות וואס ער האט באקומען, מען האט אים מן השמים מזמין געווען אבני שוהם און אבני מילואים, זיי האבן עס טאקע געקענט האלטן פאר זיך, עס איז נישט געווען א חיוב אז זיי זאלן עס ברענגען, און עס איז אוודאי א שיינע נדבה, אז מען גיט עס אוועק פארן משכן, אבער א זאך וואס קומט אן פלאג, ער האט גארנישט צוגעטון דערצו, עס איז אים אונטערגעקומען און ער האט עס געטון, האט עס די קלענסטע חשיבות פון אלע נדבות המשכן. און וועגן דעם זענען די אבני שוהם און די אבני מילואים אויסגערעכנט צום סוף.

**דער** חשובער בר מצוה בחור קומט אריין לעול המצות, דארף ער געדענקען די צוויי ענינים, פארוואס זענען די אבני שוהם מיט די אבני מילואים אויסגערעכנט צום סוף. כדי אונז צו לערנען, אז די חשיבות פון א מצוה איז צו זיין א זריז, זריזין מקדימין למצות. יעדע מצוה וואס מען קען טון, זאל מען עס נישט אפשטופן אויף שפעטער. אפילו מען האט א גוטע חשבון, אז ווען איך וועל עס טון שפעטער, וועט עס זיין בעסער, זאל מען נישט מוותר זיין אויף דעם וואס מען קען ברענגען תיכף.

**צווייטענס**, ווען עס קומט אן גרינג, האט עס נישט א חשיבות. אבני שוהם און אבני מילואים וואס איז אנגעקומען גרינג, מען האט עס דעליווערט צו די טיר פון די נשיאים, האט עס נישט געהאט א חשיבות. א חשיבות האט נאר א זאך וואס קומט אן מיט א פלאג, מיט א עבודה, מען איז זיך מתגבר און מען טוט עס, דאס האט א חשיבות ביים אייבערשטען.

***<u>יום שני פרשת ויקהל פקודי</u>***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין להבחור **יחזקאל** נ"י בן הר"ר **משה יוסף הלוי האפפמאנן** הי"ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בן הרה"ג רבי **בנימין פאפלאנאש** שליט"א, עב"ג בת הר"ר **יצחק ווייס** הי"ו (וומסב"ג, בן הר"ר **שלום ווייס** הי"ו, אוסטראליע), שהתקיים באולם אפעל גארדען. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

*

***<u>יום שלישי פרשת ויקהל פקודי</u>***

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **יהושע דוד אלטמאן** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **יוסף צבי גאלדבערגער** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס פיגא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***<u>יום רביעי פרשת ויקהל פקודי</u>***

אחר מערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל השבע ברכות של בת ש"ב הרב **אברהם יוסף גרינוואלד** שליט"א (בן הרה"ג אב"ד **טעטש** שליט"א), עב"ג בן הרב **יהודה גאטליעב** שליט"א, שהתקיים באולם פערעדיים מענאר.

אחר השבע ברכות חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בת הר"ר **חיים הערש שטיינבערג** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **שמואל גוטמאן** הי"ו, שהתקיים באולם אימפיריעל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***<u>יום חמישי פרשת ויקהל פקודי</u>***

אחר התפלה השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **ארי' לייב גאלדבערגער** הי"ו שהתקיים בבית המדרש קיוויאשד. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות.

אחר הברית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **וואלווי גאלדבערגער** הי"ו.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

*

***יום שישי פרשת ויקהל פקודי***

אחר התפלה התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **שמואל דוד פישער** הי"ו.

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת יאקאבאוויטש ע"ה (אלמנת הר"ר **ליפא יאקאבאוויטש** ע"ה).

***מתוך השיחה:***

**א' האבלים:** איך האב א הנאה פון די וויענער שול, עס איז א שיינע שול, איך לערן דארט נאכמיטאג, עס אז א מחיה'דיגע בית המדרש. עס איז א שטארקער מקום תורה א גאנצע טאג, עס קומען כסדר מער און מער מענטשען. עס איז צוגעשטעלט קאווע, און עס איז דא גוטע ספרים. עס איז א געשמאקע בית המדרש, עס איז אזא בית המדרש וואס יעדער יוד וואס קומט אריין, געפונט זיך דארט דאס פלאץ.

**רבינו:** די גמרא (ברכות כח.) זאגט, אז רבן גמליאל האט נישט אריינגעלאזט אין בית המדרש א תלמיד וואס איז נישט געווען תוכו כברו, שפעטער האט מען יא אריינגעלאזט, און עס איז נתוספו ספסלי בבי מדרשא, און ער האט געהאט חלישות הדעת. וואס איז די לשון 'נתוספו ספסלי' בבי מדרשא, עס וואלט געדארפט שטיין אז עס איז נתוספו תלמידים, עס איז צוגעקומען מענטשן. שטייט אין די מפרשים, אז ווילאנג עס זענען אריינגעקומען תלמידים וואס זענען געווען תוכו כברו האט מען נישט געדארפט קיין בענקליך און קיין טישן, מען האט געקענט שטיין און לערנען. אבער ווען עס זענען אריינגעקומען תלמידים וואס זענען נישט תוכו כברו, האט מען געדארפט צושטעלן פאר יעדן א בענקל, אז נישט קומט ער נישט לערנען. - הייינט אז מען וויל אז מען זאל לערנען, דארף מען צושטעלן אז עס זאל גארנישט פעלן.

*

***שבת קודש פרשת ויקהל פקודי***

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **ראובן יואל טובל** הי"ו. אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחה.

בסעודה שלישית התקיים השבע ברכות של החתן **יהושע זעליג גוטמאן** הי"ו, חתן הר"ר **חיים הערש שטיינבערג** הי"ו.

# פרשת ויקרא כ"ח אדר – ה' ניסן תשע"ז לפ"ק

***יום ראשון פרשת ויקרא***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' פסח סימן תע"ב סעיף ה') בבית מדרשנו. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** האט געליינט די פאריגע וואך פרשת החודש, החודש הזה לכם ראש חדשים, ראשון הוא לכם לחדשי השנה (שמות יב-ב). וואס איז דער לשון החודש הזה 'לכם', ראש חודש איז פאר ענק, ראשון הוא 'לכם' לחדשי השנה.

**מען** ווייסט אז שכר מצוה בהאי עלמא ליכא (קידושין לט:), עס איז נישט דא קיין שכר מצוה אויף די וועלט. היום לעשותם (דברים ז-יא), ולמחר לקבל שכרם (עירובין כב.). מיר זענען אלע מאמין אין שכר ועונש, אז דער אייבערשטער גיט שכר פאר יעדע מצוה, אבער נישט אויף דער וועלט, אלעס איז אוועקגעלייגט אויף לעתיד לבא, מה רב טובך אשר צפנת לרעך (תהלים לא-כ).

**עס** שטייט אבער אין ספרים, אז עס איז דא געוויסע זאכן וואס עס איז דא אויף דעם שכר אויך אויף די וועלט. די גמרא (יומא פו.) זאגט, ווען א יוד האט געטון א עבירה, און ער האט תשובה געטון דערויף, טאמער האט ער געטון תשובה מיראה, איז זדונות נעשו לו כשגגות, טאמער טוט מען תשובה מאהבה, איז זדונות נעשו לו כזכיות. מיט תשובה מאהבה קען א מענטש נעמען א עבירה וואס ער האט געטון, און עס ווערט נתהפך אזוי ווי ער האט געטון א מצוה. דער הייליגער **חתם סופר** שרייבט אויף מערערע פלעצער (עיין **בתורת משה** פ' בא מג:, **ובדרשות חתם סופר** יט.), אז ווען א מענטש האט געגעסן נבלות וטריפות, און ער האט תשובה געטון מאהבה, ווערט אים גערעכנט די נבלות וטריפות וואס ער האט געגעסן, אזוי ווי ער האט געגעסן קדשים אין בית המקדש. ער האט געגעסן חמץ אין פסח, און ער האט געטון דערויף תשובה מאהבה, זדונות נעשו לו כזכיות, איז כאילו די חמץ איז געווארן מצה, און ער האט געגעסן מצה אין פסח. קומט אויס, אז אמאל קען זיין אז א מענטש טוט א עבירה, און נאכדעם האט ער זיך מתבונן געווען, און ער האט געטון תשובה מאהבה, ווערט עס אים גערעכנט ווי א מצוה.

**עס** שטייט אין **קול אריה** (מובא **בטיול בפרדס** ח"ב מע' תשובה מאהבה), אז אויף די מצוות וואס געשעהט דורך תשובה מאהבה, אויף דעם באקומט מען שכר אויף די וועלט. און די הסבר דערויף איז, ווייל א עונש אויף א עבירה, גיט מען דאך אויף די וועלט. ווען א מענטש האט געזינדיגט, איז דא די קרבנות און עונשים וואס ער דארף אדורכגיין. קומט אויס, אז אויב ער האט געגעסן חזיר, קומט אים דערויף מלקות, עס איז זיין עונש אויף די וועלט. אז ער איז מהפך דעם אכילה אויף א מצוה, און אויף די מעשה איז דאך געקומען א עונש אויף די וועלט, קומט יעצט די שכר אויך אויף די וועלט. ווייל די מעשה איז א זאך וואס מען באצאלט דערויף אויף די וועלט.

**אין** די מפרשים שטייט אביסל מער. אז די טעם פארוואס אויף דעם איז דא שכר מצוה, ווייל א עונש איז מיט א גבול, ווען דער אייבערשטער שטראפט א מענטש, איז עס מיט א גבול. אלע עונשים פון די תורה אויף די וועלט, איז מיט א גבול, אבער שכר וואס דער אייבערשטער גיט אויף א מצוה, דאס איז בלי גבול. איז ממילא נישט שייך צו באצאלן שכר מצוה אויף די וועלט, ווייל די וועלט איז נישט גענוג גרויס צו קענען באצאלן שכר אויף א מצוה, עס איז בלי גבול. דאס איז ביי א מצוה וואס א מענטש טוט אלץ א מצוה, אבער טאמער ער טוט א עבירה, און עס ווערט נאכדעם נתהפך פאר א מצוה, איז אזוי ווי דער עונש פאר די עבירה איז בגבול, איז דער שכר דערויף אויך בגבול, קען זיין שכר מצוה אויך אויף די וועלט. קומט אויס, אז יעדע מצוה וואס א יוד טוט דורך תשובה מאהבה, באקומט ער דערויף שכר אויף די וועלט.

**פסח** איז א זמן פון אהבה, א זמן פון ליבשאפט צום אייבערשטען. עס שטייט אין טור (או"ח סימן

תיז), אז די דריי רגלים זענען אקעגן די דריי אבות. פסח איז אקעגן אברהם, שבועות איז אקעגן יצחק, און סוכות איז אקעגן יעקב. אברהם דאס איז די מדה פון חסד. די מדה פון אהבה, איז די מדה פון אברהם אבינו. דער יום טוב פון פסח איז א יום טוב פון אהבה, ליבשאפט צום אייבערשטען. עס שטייט אין **ראשית חכמה** (שער האהבה פרק ז') אז ווען א יוד איז זיך מתבונן אין די נסים וואס דער באשעפער האט אונז געטון, טוט עס מעורר זיין ליבשאפט צום אייבערשטען. ער זעהט אז דער אייבערשטער האט אונז ליב, דער באשעפער האט געטון מיט אונז נסים, ברענגט עס צוריק די אהבה פון א יוד צום אייבערשטען.

**עס** איז דא א שיין ווארט פונעם **ערשטען בעלזער רב זי"ע**, אז מען זעהט, אז ווען מען גייט שעפן מים שלנו צו די מצות מאכט מען א גאנצע שמחה. האט ער געזאגט, אז ראש השנה גייט מען אויך צום וואסער, און מען נעמט די עבירות, און מען ווארפט עס אריין אין וואסער, ותשליך במצולות ים כל חטאתם (מיכה ז-יט). ווייל ראש השנה טוט מען תשובה מיראה, און תשובה מיראה איז זדונות נעשו לו כשגגות, בלייבט נאך אלץ איבער עפעס פון די עבירה, וויל מען נישט האבן א שייכות מיט די עבירות, ווארפט מען עס אריין אינעם וואסער. אבער ווען עס קומט פסח, טוט מען תשובה מאהבה, און תשובה מאהבה איז זדונות נעשו לו כזכיות, גייט מען שעפן די אלע עבירות וואס מען האט אריינגעווארפן ראש השנה אינעם וואסער, ווייל יעצט וויל מען האבן די עבירות, ווייל עס איז זדונות נעשו לו כזכיות.

**קומט** אויס אז די עבודה פון ראש השנה איז תשובה מיראה, און די עבודה פון פסח איז תשובה מאהבה, וואס איז זדונות נעשו לו כזכיות, וואס אויף דעם איז דא שכר מצוה אויף די וועלט אויך. החודש הזה לכם, די חודש קען זיין 'לכם', פון דעם חודש קען מען געניסן, ראשון הוא 'לכם' לחדשי השנה, די צייט וואס א יוד ווערט נתעורר מיט א ליבשאפט צום אייבערשטען, און יעדע יוד האט דאך געוויסע זמנים פון הרהורי תשובה, די הרהורי תשובה וואס א יוד האט פון אהבת ה', אויף דעם איז דא שכר אפילו אויף די וועלט אויך.

אחר השיעור חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל התנאים של החתן **יחזקאל** ני"ו, בן הר"ר **משה יעקב שאלאמאן** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **עזרא דייטש** הי"ו, שהתקיים באולם מנוחה ושמחה. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

*

***<u>יום שני פרשת ויקרא – ערב ר"ח ניסן</u>***

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** להבית החיים בניו דזשערסי. **רבינו שליט"א** הדליק נר על ציון של אביו **הגה"צ מסאמבאטהעלי זצ"ל**, ועל הציון של חמותו ע"ה, ואמר מזמורי תהלים למשך זמן.

בשעות אחר הצהרים בחן **רבינו שליט"א** את תלמידי הישיבה גדולה על החזרה של שלחן ערוך הל' שבת (סימן שכ"א דיני טחינה ולישה).

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בת הר"ר **דוד קאהאן** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **יוסף צבי פריעדמאן** הי"ו (מאנסי), שהתקיים באולם קאנטינענטאל. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת הכתובה.

אחר החופה עלה **רבינו שליט"א** לביתו של הר"ר **יעקב משה פריעדמאן** הי"ו לקבוע מזוזה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בן הר"ר **אהרן קליין** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **ליפא שווימער** הי"ו, שהתקיים באולם כתר צבי.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החתונה של בת הר"ר **חיים וויינבערגער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **צבי מאיר פעלדבערגער** הי"ו (לעיקוואד), שהתקיים באולם תפארת מרדכי. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בת הר"ר **דוד קאהאן** הי"ו. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שלישי פרשת ויקרא***

בשעות אחר הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לאפיית מצות שעל ידי קהלתנו הק'.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בת הר"ר **ברוך הערשקא** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **ישראל רוטנער** הי"ו, שהתקיים באולם כתר צבי. **רבינו שליט"א** נתכבד בברכה אחריתא.

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל התנאים של בת הרה"ג רבי **בנימין ברייער** שליט"א דומ"ץ דבית מדרשנו זכרון יהודא, עב"ג בן הר"ר **יצחק שטראס** הי"ו, שהתקיים באולם בית שרה. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

אחר התנאים השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הר"ר **יעקב גראס** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **שלמה יחזקאל מארקאוויטש** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת חי'. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת ש"ב **הרה"ג רבי משה פלאם שליט"א** אב"ד סטרעטין (פלעטבוש, חתן הגה"צ אב"ד גרויסווארדיין שליט"א), עב"ג בן **הרב רבי יעקב מנחם האגער שליט"א**, שהתקיים באולם עטרת גאלדא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים הגאוה"צ שליט"א, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום רביעי פרשת ויקרא***

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בניו התאומים של הר"ר **אברהם צבי זינגער** הי"ו (ירושלים), שהתקיים באולם מנוחה ושמחה.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל התנאים של בן ש"ב הרה"ג רבי **חיים אלעזר מאנדלאוויטש** שליט"א (חתן כ"ק הגה"צ גאב"ד סערדאהעלי שליט"א), עב"ג בת הרה"ג רבי **דוד משה מייזליש** שליט"א (בן הגה"צ אב"ד שאפראן שליט"א), שהתקיים באולם סקווירא.

***יום חמישי פרשת ויקרא***

אחר התפלה השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **אליעזר אבא מילער** הי"ו שהתקיים בבית המדרש פאפא. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות. אחר הברית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והלך לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **אליעזר דוד האפמאן** ע"ה, ואצל משפחת מרת גרינבערג ע"ה (אלמנת הר"ר לייבוש גרינבערג ע"ה).

כמו כן הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל **כ"ק האדמו"ר מסקאליע שליט"א**, ואחיו הר"ר **ישראל איסר גאלדשטיין** הי"ו, שישבו שבעה על פטירת אביהם הר"ר **משה גאלדשטיין** ע"ה.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר השיעור השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **שמחה קארניאל** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **ארי' ישי העכט** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת גאלדא.

*

***שבת קודש פרשת ויקרא***

לפני תפלת שחרית השתתף **רבינו שליט"א** בחברת תהלים של ילדי קהלתנו הק', **רבינו שליט"א** דיבר לפניהם במעלת אמירת תהלים, ועורר על חשיבות אמירת סדר קדושה, וביקש מהם לעמוד ליד אביהם בעת אמירת 'קדושה' בעת התפלה.

אחר התפלה השתתף **רבינו שליט"א** אצל הקידושא רבא לרגל הולדת הבת אצל הר"ר **משה ארי' דייטש** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש סוליצא.

בסעודה שלישית התקיימה השבע ברכות של החתן **יוסף יקיר רוטנער** נ"ו, חתן הר"ר **ברוך הערשקא** הי"ו, ושל החתן **חיים יהודה פריעדמאן** נ"ו, חתן הר"ר **דוד קאהאן** הי"ו.